## קאַפּיטל דריי

צוליב דעם בין איך, פּױלוס, דער געפאַנגענער
פון דעם משיח ישוע פאַר אייך גוים,—אויב איר
האָט געהערט פון דער פאַרוואַלטונג פון ג־טס חסד,
וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן פאַר אייערטוועגן,
אַז לויט אַן אַנטפּלעקונג איז מיר נתגלה
געוואָרן דער סוד, ווי איך האָב אייך שוין פריער
4 געשריבן בקיצור, כדי לייענענדיק עס, זאָלט איר
קענען פאַרשטיין מיין השגה אין דעם סוד
5 פון דעם משיח, וואָס איז אין אַנדערע דורות
נישט נתגלה געוואָרן צו די מענטשנקינדער
ווי עס איז איצט אַנטפּלעקט צו זיינע הייליקע,
6 שליחים און נביאים אינם גייסט, אַז די גוים
זיינען מיטיורשים און מיטגלידער און מיט־
אַנטיילנעמער פון דער הבטחה אינם משיח ישוע
7 דורך דער בשורה טובה, פון וועלכער איך בין געוואָרן
אַ משרת לויט דער מתנה פון ג־טס חסד, וואָס איז
מיר געגעבן געוואָרן לויט דער ווירקונג פון זיין
8 גבורה; מיר, דעם קלענסטן פון אַלע קדושים, איז
געגעבן געוואָרן דער, דאָזיקער חסד, אָנצוזאָגן צו
די גוים די בשורה פון משיחס נישט־אויספאָרשבאַרער
9 עשירות; און אַלעמען צו באַלויכטן, וואָס עס איז
דער ערך פון דעם סוד, וועלכער איז פון אייביקע
צייטן אָן געווען פאַרבאָרגן אין ג־ט דעם באַשעפער
10 פון אַלעם; כדי איצט זאָל נתגלה ווערן צו די
ממשלות און מאַכטן אין די הימלישע ערטער
דורך דער קהלה די פילפאַכיקע חכמה פון ג־ט,
11 לויט דעם אייביקן באַשלוס, וואָס ער האָט געמאַכט
12 אין דעם משיח ישוע, דעם האַר אונזערן; אין וועמען